# משיחת ש״פ וארא תשכ״ט

ד. בהמסך למטנח"ל בענין גאולה מצרים, אז ע"י תשובת משה איז געווארן די גאולה, שטייט אין די פרשה אז דער אויבערשטער האט גע-הייסן משה'ן גיין צו פרעה'ן און ריידן מיט איט וועגן ענין הגאולה, * און אמאל שטייט אהרן פאר משה, און רש"י זאגט (ו, ו) אז שניהם שקולים, וואס דעריבער אמאל איז משה פריער און אמאל איז אהרן פריער.

דערנאך שטייט אבער אז משה האט גע'טענה'ט הן אני ערל שפתים ואיך ישמע אלי פרעה, האט אים דער אויבערשטער געענטפערט אתה תדבר את כל אשר אצוך ואהרן אחיך ידבר אל פרעה ושלח את בני ישראל מארצו.

שטעלט זיך רש"י אויף "אתה תדבר" און איז מפרש: פעם אחת כל שליחות ושליחות כפי ששמעת מפי ואהרן אחיך ימליצנו ויטעימנו באזני פרעה.

איז דא ניט פארשטאנדיק:

א) בפשטות ווען מען וויל מחלק זיין צווישן דיבורו של משה לדיבורו של אהרן, קומט אויס אז אהרן האט גערעדט צו פרעה'ן, אבער משה האט גערעדט צו אהרן'ען וואס צו ריידן צו פרעה, אבער ער אליין האט ניט גערעדט צו פרעה'ן,

ווי מען געפינט פריער אין פ' שמות, אז בשעת מכה און אהרן האבן געדארפט ריידן צו די אידן, האט משה געזאגט אהרן'ען וואס צו זאגן און אהרן האט דאס געזאגט די אידן.

אויב

* און אמאל שטייט משה פאר אהרן

__הנחת הת' בלתי מוגה__

אויב אזוי וואלט מען דאך אויך דא אזוי געקענט לערנען, ווי אנדערע פשטני המקרא לערנען טאקע. פון וואנען איז רש"י מכריח אז אויך משה האט גערעדט צו פרעה'ן, נאר עס איז געווען פעס אחת, און אהרן ימליצנו ויטעימנו?

און פונקט ווי אין פ' שמות האט משה גע'טענה'ט כבד פה וכבד לשון אנכי, האט דער אויבערשטער אים געזאגט אז ער וועט ריידן בלויז צו אהרן, און אהרן וועט עס איבערגעבן אידן, אזוי האט מען געקענט לערנען בפשטות אויך דא, אז דאס איז בהמשך צו טענת משה הן אני ערל שפתים, האט אים דער אויבערשטער געזאגט אז ער וועט ריידן בלויז צו אהרן, און אהרן וועט ריידן צו פרעה.

ב) וואס איז רש"י מוסיף מיט "באזני פרעה", אין פסוק שטייט דאך אל פרעה, פארוואס דארף רש"י מוסיף זיין "באזני", און צי דען האט משה ניט גערעדט באזני פרעה. ולאידך גיסא, ווען עס שטייט ניט ביי אהרן באזני פרעה, וואלט מען עס סיי ווי געוואוסט, ווארום אויב ער רעדט צו פרעה איז עס דאך באזני פרעה?

ג) פארוואס זאגט רש"י דעם לשון "כל שליחות ושליחות", אין פסוק שטייט דאך אתה <u>תדבר</u> וגו' אשר <u>אצוך</u>, האט רש"י געדארפט זאגן אדער על כל דיבור ודיבור, אדער על כל ציווי וציווי. פארוואס באנוצט ער זיך מיטן לשון שליחות?

ד) פארוואס זאגט רש"י אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה אז ער זאל זאגן כפי ששמעת מפי. דלכאורה מהו החידוש שבזה, צי דען וועט משה מוסיף זיין אויף דעם וואס ער האט געהערט פון דעם אויבערשטן?

ה) וואס זיינען דאס די צוויי ענינים פון יבליצנו ויטעימנו?

וכמבואר כמה פעמים און אויך איצטער בקיצור אז יעדער ענין אין פירש"י דארף זיין עפ"י פשטות הכתובים, און מען מוז אויך זאגן אז דאס איז מובן פון דא גופא, ווארום אויב ניט וואלט רש"י געדארפט זאגן בפירוש פון וואנען ער נעמט דאס.

כאמור כמה פעמים איז אין יעדער ענין פאראן א קלאץ-קשיא:

ו) פארוואס האט זיך רש"י אפגעשטעלט ערשט דא. לכאורה האט ער דאס געדארפט זאגן פריער אין פ' שמות בשעת עס שטייט אז אהרן און משה האבן גערעדט צו פרעה, האט רש"י געדארפט מבאר זיין וואס איז געווען ענינו של משה און וואס איז געווען ענינו של אהרן?

ועד"ז בשעת עס שטייט אין דער פרשה פריער "הם המדברים לפני פרעה" פרעגט דאך דער קינד גלייך, עס איז דאך תרי קלי לא משתמעי, וואס דאס איז מובן בפשטות, און ניט נאר וואס מען הערט ניט, נאר עס איז מבלבל. איז ווי איז געווען דער סדר, וואס האט משה געטאן און וואס האט אהרן געטאן?

ז) בכלל איז דא ניט פארשטאנדיק, וואס איז משה געקומען איצטער מיט א טענה אני ערל שפתים, לכאורה האט ער שוין דאס פריער געזאגט צום אויבערשטן, האט אים דער אויבערשטער געענטפערט אז אהרן וועט אים העלפן וכו', איז פארוואס איז ער דא געקומען נאכאמאל מיט א טענה אז ואני ערל שפתים?

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אפילו

אפילו מען זאל זאגן בדוחק אז זיין טענה איז געווען מצד דערויף וואס ער האט געזען אז ער האט גארניט אויפגעטאן ביי פרעה, האט ער דאס תולה געווען אז דאס איז מצד ערל שפתים, איז אבער עכ"פ ניט פארשטאנדיק וואס האט איבו דער אויבערשטער דא געענטפערט אויף דעם, ווארום אט די תשובה אז אהרן וועט אים העלפן האט ער שוין געהאט, און פונדעסטוועגן האט עס ניט געהאלפן, האט אים דער אויבערשטער געדארפט ענטפערן אן אנדער תשובה, ולכאורה איז עס די זעלבע תשובה. וכפי שיתבאר לקמן.

ו. ונחזור לפירש"י: דאס וואס משה האט געטענה'ט אני ערל שפתים, איז אן אנדער ענין אינגאנצן פון דעם וואס עס שטייט אין פ' שמות אז ער האט געטענה'ט כבד פה וכבד לשון אנכי.

דלכאורה וואלט מען געקענט זאגן, אז פונקט ווי עס איז פאראן א ענין פון כבד פה און כבד לשון, וואס זיי זיינען איין זאך נאר זיי זיינען צוויי לשונות אויף דעם, איז פאראן אויך א דריטער לשון ערל שפתים, אבער עס איז אלץ ענין אחד.

רש"י

---

*) להעיד מפתגמו של הה"מ (ספה"מ תש"ט ע' 87 סעי' ב).

הנחת הת' בלתי מוגה

רש"י אבער פארטייטשט צוויי באזונדערע טייטשן, אויף כבד פה טייטשט ער מדבר בכבידות ובלע"ז בולבו, וואס דאס איז ווי מען זאגט היינט אז ער באלבעט, ד.ה. אז ער קען יא ריידן, נאר בכבידות.

משא"כ אבער אויף ערל שפתים זאגט רש"י אז דאס מיינט אטום שפתים, פארשטאפט, ומובן אז אויב עס איז פארשטאפט קען ער בכלל ניט ריידן.

איז פריער האט משה גע'טענה'ט אז כבד פה וכבד לשון אנכי, אז וויבאלד ער איז מדבר בכבידות וועט ער גארניט פועל'ן, ווארום דער העדער האט ניט קיין געדולד אויסהערן דעם מדבר, האט דער אויבערשטער אים געזאגט אז אהרן וועט ריידן, איז אפשר זיינע ווערטער וועלן ניט פועל'ן איינגאנצן, וועלן אבער די ווערטער פון אהרן יא פועל'ן.

דא אבער בשעת ער האט גע'טענה'ט ערל שפתים אנכי, איז די טענה געווען לאחר זה וואס ער איז שוין געווען ביי פרעה און ער האט געזען אז ניט בלויז וואס ער האט ניט גע'פועל'ט, נאר ער האט געמאכט ערגער, ביז אז תכבד העבודה, וואס דאס קומט מצד דערויף וואס ער איז (בדוגמת?) א ערל שפתים, אז ער קען בכלל ניט ריידן, במילא בשעת ער קומט פאר פרעה און פרעה זעט אז ער שווייגט, מיינט ער אז משה איז מסכים מיט דעם וואס ער מאכט די אידן ארבעטן, פועל'ט עס גארניט ואדרבה תכבד העבודה.

און דעריבער האט אים דער אויבערשטער געענטפערט במענה לזה וואס ער האט געזאגט אז ער איז א ערל שפתים און קען בכלל ניט ריידן, אז אתה תדבר, דו וועסט יא ריידן.

פארוואס טאקע? - זאגט רש"י כל שליחות ושליחות, וויבאלד אז דא קומט ער בשליחותו של הקב"ה, במילא וועט ער קענען ריידן.

און דאס קומט בהמשך לזה וואס שטייט פריער אני ה', ופירש רש"י כדאי אני לשלחך ולקיים דברי שליחותי, אז וויבאלד דאס איז בשליחותו של הקב"ה, במילא וועט ער יא ריידן.

איז אה"נ אז ער וועט בלייבן א כבד פה, א ערל שפתים אבער וועט ער ניט זיין, נאר ער וועט יא ריידן, און עס איז ניט דער פירוש אז זיין אופן הדיבור וועט זיך איבערבייטן, נאר ער וועט בלייבן ווי פריער, און פונדעסטוועגן וועלן זיינע ווערטער פועל'ן, ווייל ער גייט בשליחותו של מקום.

איז אין פ' שמות, דארטן איז עס בפשטות, ווארום וויבאלד אז דאס האט מען געדארפט זאגן אידן, איז דארטן וויבאלד אז משה איז געווען א כבד פה דעריבער האט ער דאס געזאגט אהרן'ען און אהרן האט דאס געזאגט אידן.

משא"כ אבער דא שטייט קלאר הם המדברים לפני פרעה, אז משה האט אויך גערעדט, און אויף דעם האט ער גע'טענה'ט ערל שפתים אנכי, און דער אויבערשטער האט אים געזאגט אתה תדבר - דא מוז רש"י זאגן אז וויבאלד ער גייט אלס א שליח, במילא וועט ער ניט זיין א ערל שפתים.

די שאלה איז אבער, פארוואס טאקע ביי אידן האט משה אליין ניט געדארפט רעדן, און עס איז געווען מספיק דערמיט וואס אהרן

האט

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

האט געזאגט דאס וואס משה האט אים געזאגט, משא"כ בנוגע לפרעה האט משה אליין אויך געדארפט ריידן. דאס איז לכאורה היפך הצדק ויושר אז בנוגע אידן זאל משה ניט ריידן און ביי פרעה יא.

נאר דא קומט ארויס א הוראה אז אידן זיינען מאמינים, און בשעת אהרן קומט און זאגט אז אזוי האט משה געזאגט בש הקב"ה, גלויבן זיי אים, אפילו בשעת עס איז ע"י שליח.

משא"כ אבער א גוי, ער גלויבט ניט אז דער שליח זאגט פון משלח, וכל הפוסל במומו פוסל, און ער האלט אז דער שליח איז פאלש.

איז דעריבער בנוגע לישראל איז געווען מספיק אז אהרן זאל זאגן בשליחותו של משה, משא"כ אבער בנוגע לפרעה האט משה אליין געדארפט ריידן.

וכמבואר אז אין א מתורגמן זיינען פאראן צוויי אופנים, איין אופן וואס איז בלויז בדרך מעבר, ד.ה. אז אלע ענינים זיינען פאראן דארטן, עס איז נאר בדרך קצרה כו׳ אז די מקבלים זאלן עס קענען נעמען. און עס איז פאראן אמאל אז דאס איז בדרך התלבשות אז דער מתרגם גיט עס איבער אין אן אנדער אופן וכו׳, איז צו קליפות קען זיין בלויז בררך התלבשות און ניט בדרך מעבר, און דעריבער איז ניט געווען מספיק אז אהרן וועט זאגן צו פרעה בשם משה, נאר משה אליין האט געדארפט זאגן, ווארום עס וואלט געווען בהתלבשות, וואלט עס געווען אן אנדער ענין. משא"כ אבער צו אידן איז דאס בדרך מעבר און אויך בשעת עס קומט ע"י מתרגם איז דאס גוט (איננו ברור).

וואס עד"ז איז אויך בנוגע לתורה, וואס משה קיבל תורה מסיני ומסרה ליהושע ויהושע לזקנים וכו׳, איז אעפ"י אז ס׳איז דורכגעגאנגען אזוי פיל ממוצעים, איז דאס אבער אלץ מסיני, ביז אז כל מה כתלמיד ותיק עתיד לחדש הכל נאמר למשה מסיני.

און די ממוצעים איז ניט ווי א שלשלת, וואס ביי א שלשלת איז איינער העכער פון דעם אנדערן, און ער איז אן אנדערער, משא"כ בנוגע לתורה איז עס אן ענין של מאור, וואס דאס איז איין ענין.

וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם וואס מארגן וועט דאך זיין דער "דינער" בנוגע להישיבה, וואס דאס איז דאך א ישיבה וואס מען לערנט פנימיות התורה, און די פנימיות התורה פועל׳ט אויך אויף די נגלה דתורה, אז מ׳זעט אז מה להלן באימה וביראה ברתת כו׳, אזוי איז עס אויך איצטער, און הלא כה דברי כאש וכו׳.

וואס דאס איז דער ענין פון הפצת המעינות חוצה, אז מ׳איז מפיץ די מעינות חוצה, ביז אז עס ווערט איבערגעזעצט בשבעים לשון, אעפ"י דער מתרגם אליין קען זיין האט ניט געלערנט פנימיות התורה, איז אויך דאס דער ענין וואס אין חוצה ברייינגט מען דעם מעין.

דאס אלץ איז מיין חלק, און זאל עס זיין בהצלחה רבה ומופלגה.

ה.

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

ה. עס זיינען געבליבן נאך צוויי קשיות: פארוואס שטעלט זיך ניט רש"י בפ' שמות מבאר זיין אין וואס זיינען אפגעטיילט דבורו של משה ואהרן.

און אויך: רש"י איז דאך אויך מסביר דאס וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק "את כל אשר אצוך ואהרן אחיך ידבר אל פרעה", ווארום דאס וואס רש"י זאגט "כפי ששמעת מפי" נעמט ער דאך פון דעם וואס שטייט אין פסוק "את כל אשר אצוך", און דאס וואס ער זאגט "ואהרן אחיך ימליצנו ויטעימנו באזני פרעה" איז דאך א פירוש אויף די ווערטער "ואהרן אחיך ידבר אל פרעה". האט ער דאך געדארפט ברענגען אין דעם דיבור המתחיל אויך אט די ווערטער אדער עכ"פ א"וגו'" וויבאלד ער איז מפרש אויך אט די ווערטער.

דאס איז אבער מובן בפשטות, ווארום ווייטער שטייט ואני אקשה את לב פרעה וגו', און דאס איז דאך די כוונה פון די פרשה, אז אתה תדבר וגו' און פונדעסטוועגן ואני אקשה וגו', אז דו וועסט ריידן צו פרעה און איך וועל מקשה זיין זיין הארץ, איז דאך במילא די פרטים און אופנים אין דעם דיבור ניט אזוי נוגע אין אט דעם ענין, ווארום דער עיקר איז נאר אז מ'וועט ריידן. און ואני אקשה, ובמילא אז רש"י ברענגט אתה תדבר איז עס כולל די פרטים וואס שטייען ווייטער (איננו ברור).

ובנוגע די אנדער שאלה, איז דער ביאור: אין פ' שמות ווערט דערציילט סיי אז מ'האט גערעדט צו די אידן, און סיי אז מ'האט גערעדט צו פרעה, איז בנוגע אידן שטייט קלאר, כנ"ל, אז משה האט טאקע ניט גערעדט, ער האט נאר געזאגט צו אהרן. אבער בנוגע לפרעה, וואס עס שטייט אין פ' שמות, איז טאקע ניטא קיין הכרח און מען קען טאקע לערנען אז ער האט ניט גערעדט צו פרעה נאר אהרן.

משא"כ אבער דא, שטייט דאך הם המדברים, אז ביידע האבן גערעדט, במילא דארף רש"י מסביר זיין ווי אזוי עס איז געווען און אז וויבאלד עס שטייט אתה תדבר וגו', האט אויך משה גערעדט צו פרעה.

עס איז ניט קיין קשיא פון כמה ענינים פון תומ"צ וואס משה האט געדארפט זאגן אהרן'ען און אהרן האט עס געזאגט צו די אידן, און פונדעסטוועגן האט דער אויבערשטער געזאגט צו משה דבר אל בנ"י וגו', ווארום אין תומ"צ זיינען געווען חילוקים, עס זיינען געווען כמה וכמה פעמים וואס משה האט עס גלייך געזאגט צו אידן, און עס איז געווען אמאל פארקערט. (שטייט דעריבער אלעמאל דער לשון דבר אל בנ"י?)

דא אבער שטייט הם המדברים, איז מובן אז משה האט אויך גערעדט לפרעה, דעריבער זאגט רש"י אז אויך משה האט גערעדט צו פרעה, און בנוגע צו זיין טענה אז ואני ערל שפתים, איז דאס געווען מצד שליחות.

און וויבאלד אז ס'שטייט אין פסוק "את כל אשר אצוך", דעריבער זאגט רש"י "כפי ששמעת מפי", ובמילא מובן אז פונקט ווי דער אויבערשטער האט עס געזאגט בלויז איין מאל, האט עס אויך משה געזאגט בלויז "פעם אחת", וואס דערפאר איז רש"י מדייק זאגן "פעם אחת" און "כפי ששמעת מפי".

עפי"ז

**הנחת הת' בלתי מוגה**

עפי"ז אז משה האט געזאגט "כפי ששמעת מפי", קומט צו א ענין נוסף, וואס קיינער שטעלט זיך ניט אויף דעם. דלכאורה דארף מען דאך פארשטיין: אין וועלכען שפראך האט משה דאס געזאגט צו פרעה, ווארום דער אויבערשטער האט דאך מסתמא (און אזוי איז עס געווען לפי האמת) גערעדט צו משה'ן אין לה"ק, פרעה אבער האט דאך ניט פארשטאנען לשון קודש.

ווי רש"י זאגט אין פ' ויחי (נ,ו) אבל ירא לומר עבור על השבועה שלא יאמר א"כ אעבור על שבועה שנשבעתי לך שלא אגלה על לה"ק וכו' ואתה אינך מכיר וכו', וואס דא־זעט מען אז אפי' עס פון זיינען דורכגעגאנגען א משך זמן גדול פון די שבועה, זיבעצן יאר פון יעקב אין מצרים און פאר דעם כמה וכמה שנים, און פונדעסטוועגן האט ער ניט געקענט קיין לה"ק. ולכאורה פארוואס טאקע האט ער זיך ניט געקענט אויסלערנען לשה"ק אין אזא משך זמן, ובפרט אז דאס איז אן ענין בנוגע לעיקר מלכותו, ווארום וואס פאר א פארשטאפטע קאפ דאל ניט האבן, וואלט ער זיך געדארפט אויסלערנען לה"ק.

און אז מ'זעט אז פאר אזוי פיל יארן האט ער זיך ניט גע־קענט אויסלערנען, איז מסתמא בשעת משה איז געקומען צו פרעה האט ער אויך ניט געקענט קיין לה"ק, איז אין וועלכער שפראך האט משה גערעדט מיט אים איצטער?

אויף אן אנדער שאלה שטעלט מען זיך יא אפ, און דאס איז וואס פריער אין פ' שמות (ב,י) וואו עס שטייט אז בתי' בת פרעה האט געפונען משה'ן און ותקרא שמו משה ותאמר כי מן המים משיתיהו. ולכאורה, מה־דאך אז פרעה האט ניט געקענט קיין לשון הקודש, האט זי דאך זיכער ניט געקענט, ועד"ז שאר חרטומי מצרים, איז ווי האט זי אים געקענט רופן משה על שם מן המים משיתיהו, וואס דאס איז לה"ק?

עס זיינען פאראן מפרשים וועלכע זאגן אז זי האט אים גע־רופן בלשון מצרי, נאר דערנאך האט די תורה עס איבערגעטייטשט אויף לה"ק, מען קען אבער אזוי ניט לערנען, ווארום עס שטייט בפירוש אז ותקרא שמו משה, אז זי אליין האט אים א נאמען געגעבן משה.

נאר דאס איז בכלל קיין קשיא ניט, ווארום זי האט דאך גע־וואוסט גלייך אז מילדי העברים זה, און זי האט דאך גערופן א מינקת, במילא האט זי געפרעגט ביי די מינקת ווי רופט מען אן אין לה"ק דעם ענין פון מן המים משיתיהו וכו', און זי האט אים א נאמען געגעבן משה.

דא אבער דארף מען פארשטיין וואס פארא שפראך האט משה גענוצט לפרעה?

דערפאר זאגט רש"י, אז וויבאלד דאס איז געווען בשליחותו של הקב"ה און עס האט געדארפט זיין "את כל אשר אצוך", האט משה געזאגט "כפי ששמעת מפי", האט ער צו אים גערעדט בלשון הקודש, ובמילא האט דערנאך געדארפט קומען אהרן און "ימליצנו", וואס דער פשוט'ער טייטש אין דעם איז, אז ער טייטשט עס איבער אויף אן אנדער שפראך, ווי דער קינד האט שוין געלערנט אין פ' מקץ (מב,כג) כי המליץ בינתם בפירש"י, ובמילא האט ער עס איבערגעזעצט פאר פרעה'ן אין לשון מצרי. און נוסף לזה האט געדארפט זיין "יטעימנו", אז אהרן זאל מסביר זיין וכו' צו פרעה.

דאס

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

דאס וואס רש"י זאגט באזני פרעה, איז דאס ווי רש"י האט שוין פריער געזאגט אין התחלת פ׳ ויגש אויף דבר באזני אדני, אז דאס מיינט יכנסו דברי באזניך, אז עס זאל אויפטאן אויף איס, און דאס איז דער ענין פון "יטעימנו", ווארום עס איז מובן אז בכדי צו פועל׳ן אויף פרעה, דארף זיין אן ענין פון איבערזאגן כמה פעמים און מוסיף זיין א הטעמה.

און ווי מען זעט טאקע בפועל, אז עס זיינען טאקע פאראן כמה דברים בדברי אהרן לפרעה וואס זיינען ניט געווען פונקט ווי דער איבערשטער האט עס געזאגט צו משה׳ן, ווארום כנ"ל איז געווען דער ענין פון יטעימנו בכדי עס זאל פועל׳ן אויף פרעה.

וואס דאס נעמט רש"י ארויס פון דעם וואס עס שטייט וואהרן אחיך ידבר וגו׳ ושלח את בני ישראל, ד.ה. אז זיינע ווערטער האבן געדארפט זיין אין א אופן אז זיי זאלן פועל׳ן ביי אים עס זאל זיין ושלח את בנ"י, ובמילא האט אין דעם געדארפט זיין א הטעמה.

די שאלה איז אבער, וואס איז געווען דער אויפטו אין דעם וואס משה האט גערעדט, סיי ווי האט פרעה ניט פארשטאנען וואס ער מיינט, ווארום ער האט דאך ניט פארשטאנען קיין לה"ק.

נאר דאס קומט בהמשך לפירש"י עה"פ הקודם "נתתיך אלקים לפרעה", וואו רש"י טייטשט אז משה איז געווען א "שופט ורודה לרדותו במכות ויסורין".

שענין זה איז ניט ע"י דיבור בהבנה והשגה, נאר עס איז מיט פועל, עד"ז דאס וואס ער האט גערעדט צו פרעה איז אע"פ"י פרעה האט ניט פארשטאנען, איז אבער פון די תנועות וואס משה האט געמאכט און האט זיך געביידערט, האט ער פארשטאנען וואס דאס איז ומשרטוטי פניו של משה איז געווען ניכר וואס ער וויל. ובזה גופא וואס ער האט גערעדט און געשריען אויף פרעה מלך מצרים, דיס אליין איז געווען יסורים פאר פרעה, אז אלע האבן געזען ווי משה שרייט אויף אים.

די הוראה מכל זה: דער נה"א איז דאך בגלות אין דעם נפה"ב, איז ווי פועל׳ט מען אז מ׳זאל אים קענען ארויסנעמען פון גלות, איז דאס דוקא כמאמר רז"ל אז ירגיז על נפה"ב, וואס ער שרייט אויף אים און זידעלט אים, כמבואר בתניא, ביז אז ער פועל׳ט אז ער נעמט תוקף הנה"ב און איז אים מהפך אז אדרבה ער זאל האבן אהבה און עס זאל זיין בכל לבבך, און דעמאלט פועל׳ט מען אז בשלח פרעה את העם, פרעה אליין שיקט ארויס די אידן פון גלות, און מ׳איז זוכה צום זמן פון אתא לאתבא צדיקיא בתיובתא, ע"י משיח מלכא צדיקא.

+++++++++++++++++++++++++++++++++++

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

# משיחת ש״פ וארא תשט״ו

ז. בשעת מען קומט אין א ארט וואס דער מצב פון דעם ארט איז זייער א נידעריקער און דארטן איז א גרויסער חושך, שטעלט זיך בא זיך די שאלה, ווי אזוי וועט ער ארייננברייננגען אין דעם ארט לימוד תורת החסידות אדער הנהגות ודרכי החסידות, בשעת עס איז פאראן אזוינע העלמות והסתרים אויף דעם?

דארף מען וויסן אז דער אויבערשטער האט געזאגט משה'ן, נתתיך אלקים לפרעה לרדותו במכות ויסורים, ד.ה. אפילו בשעת פרעה איז בתקפו, ווי מען האט גערעדט דעם דיוק פון כל גאה ותשפילהו, אפילו בשעת ער איז א גאה פונדעסטוועגען ותשפלהו און הדוך רשעים תחתם, און דער כח איז פאראן בא משה'ן שבכל דור ודור.

דערפאר איז הגם עס שטייט אין גמרא אסור להתגרות ברשעים, פונדעסטוועגען האלט ר"ש מותר להתגרות ברשעים. ווייל רשב"י איז געווען א ניצוץ פון משה רבינו כמ"ש בזהר ובר"מ בכ"מ, דערפאר האלט ער אז מותר להתגרות ברשעים, און הדוך רשעים תחתם. אין רשע איז פראן צוויי פירושים. א) כפשוטו. ב) הצלחה, ווי עס שטייט בכל אשר יפנה ירשיע, יצליח. און דאס מיינט הדוך רשעים תחתם, אפילו בשעת די רשעים זיינען מצליח, אז די קליפות שטייען בתקפם, פונדעסטוועגען הדוך רשעים תחתם און מותר להתגרות ברשעים.

און וויבאלד אז אתפשטותא דמשה בכל דרא ודרא, ובפרט אין דעם דור פון עקבתא דמשיחא, וואס די נשמות שבדרא דעקבתא דמשיחא זיינען די זעלבע נשמות, בגלגול פון די נשמות שבדור

המדבר, במילא איז די זעלבע ענינים וואס זיינען געווען בא די נשמות, און בא משה׳ן, שבדור המדבר, זיינען פאראן אויך איצטער.

אזוי ווי יעמולט איז ניט קוקענדיק אויף תוקף קליפת פרעה וקליפת מצרים דאין עבד יכול לברוח משם, האט משה רודה געווען זיי במכות ויסורים און ארויסגענומען ששים רבוא אידן פון גלות מצרים, אזוי איז אויך איצטער בשעת מען גייט אין א שליחות פון דעם משה שבדור, דארף מען וויסן אז ס׳איז ניטא פון וואס צו נתפעל ווערן. ווארום מען האט משה׳ס כח אויף צוברעכן די קליפות און אויספירן די שליחות.

ח. א ודאי דארף מען גיין בדרכי שלום. ופתחת אלי׳ בשלום. מען דארף גיין בדרכי נועם ודרכי שלום, וואס אזוי איז דער רצון פון רבי׳ן, נשיא הדור. און ווי ער האט געבעטן בא זיין פאטער כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) נ"ע בשעת ער האט מיט אים גערעדט וועגען די ענינים עס זאל זיין בחסד וברחמים במילא דארף מען גיין בדרכי נועם ובדרכי שלום, וואס שלום איז א כלי המחזיק ברכתו של הקב"ה.

אבער וויסן דארף מען אז בשעת מען איז צוגעבונדן צום נשיא הדור וואס ער איז דער משה רבינו פון דעם דור, וואס די התקשרות איז דורך לימוד תורתו און היטן זיינע תקנות והליכה באורחותיו נצח סלה ועד, יעמולט דארף מען ניט נתפעל ווערן פון קיינע העלמות והסתרים.

און אזוי ווי יעמולט האט דאך משה ארויסגענומען אלע אידן פון גלות מצרים, אזוי וועט זיין אויך איצטער אז ניט קוקענדיק אויפן קושי הגלות וועט דער משה שבדור ארויסנעמען אונדז פון דעם גלות לגאולה השלימה וואס באמת ראוי׳ היתה גאולת מצרים זי זאל זיין א גאולה שלימה, נאר מצד סיבות וענינים איז ניט געווען אזוי, איצטער אבער האבן מיר די בטוחות אז עס וועט זיין א גאולה שלימה, אז מיר וועלן ארויסגיין פון דעם גלות לגאולה השלימה והאמיתית ונשיאינו בראשנו.